**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נאמינירונגען פאר סטעיט און נאציאנעלע היסטארישע ערטער**

***נאמינאציעס שפיגלען אפ פארשידענע היסטאריעס ארויסהייבנדיג געשיכטערס אריבער ניו יארק סטעיט***

***דורכאויס 'שטאלץ מאנאט', ווערן נאך דאקומענטן צוגעלייגט צו די נאציאנאלע רעגיסטראר-אויסגערעכנטע גרינוויטש ווילעדזש היסטארישע דיסטריקט אין ניו יארק סיטי צו אנערקענען איר ווערדיגקייט אין LGBTQ+ היסטאריע***

***ערטער רעכנען אריין א קאסקעט פירמע געביידע אין סירעקיוז, קאמערשעל רייע אין באפעלאו'ס אפריקאנער אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר, טובערקולאסיס פארשונג און באהאנדלונג ריסאורסן אין סאראנאק לעיק, און א באפעסטיגטע צעמענט געביידע אין אלבאני***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט רעקאמענדאציע דורך די ניו יארק סטעיט באורד פון היסטארישע אפהיטונג צו צולייגן 17 פראפערטיס און דיסטריקטן צו די סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטראר פון היסטארישע ערטער און נאך א דיסטריקט צו די סטעיט רעגיסטראר פון היסטארישע ערטער. די נאמינירונגען נעמען אריין ביזנעס געביידעס, פובליק האוזינג ערטער, און געבעט-הייזער. דורכאויס שטאלץ מאנאט, רעקאמענדירט די באורד נאך דאקומענטן צו ווערן צוגעלייגט צו די נאציאנאלע רעגיסטראר-אויסגערעכנט גרינוויטש ווילעדזש היסטארישע דיסטריקט, וועלכע איז אריגינעל צוגעלייגט געווארן צו די רעגיסטראר אין 1979 אבער נעמט יעצט אריין נאך איינפארמאציע איבער די דיסטריקט'ס ווערדיגע LGBTQ+היסטאריע.

"די ערשטע ארט צו ווערן אנערקענט פאר LGBTQ+ היסטאריע אינעם נאציאנאלע רעגיסטראר פון היסטארישע ערטער איז געווען 'סטאונוואל אין' דא אין ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זייט 1999, לייגן מיר כסדר צו און ברייטערן אויס LBGTQ+ ווערדיגע ערטער צו די נאציאנאלע רעגיסטראר אז מיר זאלן קענען ארויסגעבן מער א פולקאע היסטאריע פון אונזער סטעיט. דורכאויס שטאלץ מאנאט, קומען מיר זיך צוזאם צו באטראכטן אונזער געמיינזאמע היסטאריע און געדענקען די מענטשן און ערטער וועלכע האבן געלאזט א ווירקונג אויף אונז אלס ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג צייטווייליגע קאמישאנער רענדי סימאנס האט געזאגט,** "דורך נייע פארשונג, מיטארבעט, און די אגענטור'ס 'אונזער גאנצע היסטאריע' איניציאטיוו, געבן מיר ארויס מער פון אונזער פולקאמע היסטאריעס פון קאמיוניטיס ארום ניו יארק סטעיט. מיר זענען שטאלץ צו זיין א מיטארבעטער אין די פראיעקטן וועלכע לאזן הערן די געשיכטעס וועלכע זענען פריער געווען באהאלטן, ברייטערן אויס אונזער וויסנשאפט איבער די פארגאנגענהייט, און לעבן צוריק אויף געשפרעכן פונעם צוקונפט. אנערקענען די ערטער דורך זיי אויסרעכענען אין די סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטראס פון היסטארישע ערטער איז א געלעגנהייט צו

מיטטיילן די היסטאריע דורך ארויפגעקוקטע טיטלען און עפנט אויך אויף זייער בארעכטיגונג פאר פארשידענע אפהיטונג פראגראמען און מאטיוון, אזויווי צופאסן סטעיט געלטער און פעדעראלע און סטעיט היסטארישע אויפרעכטונג שטייער קרעדיטס. מיט נאך וויסנשאפט און געלעגנהייטן פאר שטיצע, קענען היסטארישע ריסאורסן ווייטער צוגעבן צו די עקאנאמישע לעבהאפטיגקייט און געשמאקקייט פון זייערע קאמיוניטיס יעצט און אינעם צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג דעפיוטי קאמישאנער פאר היסטארישע אפהיטונג דעניעל מעקעי האט געזאגט,** "ביי די דיוויזיע פאר היסטארישע אפהיטונג, זענען מיר אנטשלאסן צו אונטערשטרייכן און אויסברייטערן אונזער געמיינזאמע פארשטאנד פון די סטעיט'ס היסטארישע ריסאורסן, צו אויסברייטערן אונזער אינווענטארי פון נעמען אויף די ליסטע אין די סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטעראס פון היסטארישע ערטער, און צו באהאפטן היסטארישע פראפערטי אייגנטומער און שטיצער מיט ריסאורסן צו העלפן אפהיטן און שטערקער מאכן די ווערדפולע אסעטס. די פראיעקטן וועלן איבערטוישן קאמיוניטיס, צוריקשטעלן שטאלץ פון פלעצער, און צוריק אויפלעבן ערטער וועלכע ווערן נישט גענוג אויסגענוצט. מיר זענען שטאלץ צו זיין א טייל פון די אנגייענדע און דיינאמישע ארבעט."

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פון דאס לאנד מיטן נוצן היסטארישע טעקס קרעדיטס, מיט 3.96 ביליאן דאלאר אין סך הכל אויפרעכטונג קאסטן פון 2018 ביז 2022. זינט 2009 האט דער היסטארישע טעקס קרעדיט פראגראם אויפגעטריבן איבער 13 ביליאן דאלאר אין פראיעקט אויסגאבן אין ניו יארק סטעיט, שאפנדיג באדייטנדע אינוועסטירונג און נייע דזשאבס. לויט א [באריכט](), צווישן 2018- 2022 האבן די קרעדיטס אין ניו יארק סטעיט אריינגעברענגט 72,918 דזשאבס און אריינגעברענגט איבער $1.47 ביליאן אין לאקאלע, סטעיט, און פעדעראלע שטייערן.

די סטעיט און נאציאנאלע ליסטעס זענען די אפיציעלע ליסטעס פון געביידעס, סטרוקטורן, דיסטריקטס, לאנדשאפטן, ארטיקלען און ערטער וועלכע האבן א טיפערע באדייט אין די היסטאריע, ארכיטעקטור, ארכעאלאגיע און קולטור פון ניו יארק סטעיט און פון דאס לאנד. עס זענען פארהאן מער פון 118,000 היסטארישע פראפערטיס אריבער די סטעיט וואס זענען אויסגערעכנט אויף די נאציאנאלע אפיציעלע ליסטע פון היסטארישע פלעצער, צי אליין אדער אלס טיילן פון היסטארישע דיסטריקטס. פראפערטי אייגנטימער, לאקאלע רעגירונגען און ארגאניזאציעס פון קאמיוניטיס איבער די סטעיט האבן אריינגעגעבן די נאמינאציעס. איין רעקאמענדאציעס ווערט בארעכטיגט דורך די קאמישאנער, וועלכער דינט אלץ די סטעיט היסטארישע אפהיטונג באאמטער, ווערן די פראפערטיס אויסגערעכנט אויף די ניו יארק סטעיט רעגיסטער פון היסטארישע ערטער און דאן נאמינירט צום נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע ערטער, ווי זיי ווערן דאן איבערגעקוקט דורך די נאציאנאלע פארק סערוויס און, איינמאל עס ווערט באשטעטיגט, אריינגעשריבן אין די נאציאנאלע רעגיסטער. מער אינפארמאציע, מיט בילדער פון די נאמינירונגען, איז אוועילעבל אויף די אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג [וועבזייטל]().

**קאפיטאל ראיאן**

**ניעמס פאונדרי, רענסעלעיר קאונטי** - די ניעמס פאונדרי איז א זעלטענע איבערלעבנדע ארטיקל וואס דאקומענטירט טרוי'ס פרוכטבארע אייזן אפעראציע, וואס האט געמאכט די סיטי זיין א הויפט פאבריצירער פון אייזן אין די פאראייניגטע שטאטן אין די 1800'ס. די געביידע איז געבויעט געווארן אין 1886 פאר די ניעמס ברידער פירמע, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן אין 1873 און האט פארבריצירט א גרויסע פארנעם פון אלע ערליי ספעציעלע אייזן פראדוקטן. דאס האט אריינגענומען די פירמע'ס אייגענע אוטאמאטישע סטאוקער, וואס האט מעכאניש געפיטערט קוילן אריין אין באן באוילערס, ווי אויס אייזענע אויוון גראטעס וועלכע זענען גענוצט געווארן איבער די גאנצע וועלט אין פארשידענע אינדוסטריס, אזויווי אין צוקער מילן, די באן אינדוסטרי, און בעקערייען. די פירמע האט אויך צוגעשטעלט קעסטינגס פאר געגנטער שטאף פאבריצירער און אייזנווערק. די ניעמס פאונדרי טראגט א שטארקע

ענליכקייט צו אנדערע פאונדריס און קליינע אינדוסטריעל געביידעס פון יענע צייט; צום ביישפיל, די געביידע האט אן אפענע אינערליכע פלאץ אונטער א ריזיגע האלצענע ראם סיסטעם גענוצט צו געבן א ברייטע, אפענע ארבעטספלאץ ריין פון אינערווייניגע זיילן.

**סעלפרידזש און לאנגפארד געביידע, אלבאני קאונטי** - געבויעט אין 1911 און געמאכט דורך באקאנטע אלבאני ארכיטעקט טשארלס דזשי. אגדען, איז די סעלפרידזש און לאנגפארד געביידע אין די סיטי פון אלבאני א געוואלדיגע ביישפיל פון א פריע באפעסטיגטע צעמענט געביידע געמאכט מיט די אייגנארטיגע ניאקלאסישע אויסזען. די געביידע איז אריגינעל גענוצט געווארן דורך די פירמע פון דזשאן סעלפרידזש און עדווארד לאנגפארד, וועלכע האבן אנגעפירט א מעבל פארקויפונג און האלטונג ביזנעס פון די ארט פאר איבער פופציג יאר. די ערשטע שטאק האט אריגינעל פארמאגט א מעבל געשעפט; נאך די פירמע האט אויפגעהערט פארקויפן אין א געשעפט אין 1918, איז עס געווארן איבערגעמאכט צו אפיס פלאץ. די אויבערשטע שטאקן זענען אריגינעל געווען רוי און מעגליך צו ווערן איינגעטיילט אין אינדיווידועלע יוניטס פאר אירע האלטונג קונדן. דינענדיג צוויי באזונדערע צוועקן, איז די ארכיטעקטור געווען געמאכט צו איבערגעבן די אויסזען פון פייער-פרוף וווענט און אינעם זעלבן צייט זיין מאדערן און געפעלן פאר די קונדן. די סעלפרידזש און לאנגפארד געביידע איז פארענדיגט געווארן דורך די טורנער קאנסטראקשין פירמע, איינע פון די ערשטע פירמעס וועלכע האבן גענוצט באפעסטיגטע צעמענט פאר ביזנעס געביידעס. עס איז איינס פון בלויז זיבן באפעסטיגטע צעמענט געביידעס אינעם סיטי.

__צענטראלע ניו יארק__

**נאציאנאלע קאסקעט פירמע געביידע, אנאנדאגא קאונטי** - די נאציאנאלע קאסקעט פירמע איז געווען די גרעסטע צוועלפטע-יאר-הונדערט פאבריצירער און פאקויפער פון קאסטעטס (ארונות) און לוי' געצייג אין די פאראייניגטע שטאטן, און די געביידע אין די סיטי פון סירעקיוז איז אן אייגנארטיגע, פארבליבענע ביישפיל פון די פירמע'ס זעלטענע פארקויפונגס געשעפט, אפיס, און ווערהאוס פלאץ. נאציאנאלע קאסקעט פירמע איז געוואקסן פון איר אנהויב אלס א לאקאלע פירמע געגרונדעט אין אנעידע, ניו יארק, אין 1876 צו ווערן די גרעסטע סופלייער פון קאסקעטס אין די פאראייניגטע שטאטן. די פירמע פארמאגט געשעפטן אין איבער דרייסיג סיטיס און אפיסעס איבער די נארטאיסט און מידוועסט, ווי אויך אין ניו יארק'ס גרויסע סיטיס. נאציאנאלע קאסקעט האט אנגעפירט א פאקויפונגס אפיס מיט געשעפטן אין סירעקיוז ארום 1902 און געבויעט די געביידע אין 1930. די נייע געביידע האט צוגעשטעלט שנעלע טראנספארטאציע פאר זייערע פראדוקטן פונעם דערנעבנדע אנעידע, און א שיינע און באקוועמע געשעפט; עס האט געשפילט א וויכטיגע ראלע אין די סיטי'ס לוי' אינדוסטרי ביז די אנהויב 1980'ס. די געביידע איז איך א הערליכע און שטארק פארבליבענע ביישפיל פון די פארקויפונגס אפיס מיטלען אנטוויקלט דורך די נאציאנאלע קאסקעט פירמע אין די פריע צוואנציגסטע-יאר-הונדערט. די מיטלען האבן צוזאמגעשטעלט "אויסוועלונג צימערן," אפיסיס, און ווערהאוס אין אן איינציגע מערערע-שטאקן געביידעס וואס איז נאכגעמאכט געווארן מיט ענליכע געביידעס דורכאויס די 1920'ס און 1930'ס אין עטליכע פון די פירמע'ס נארטאיסט מארקן. די סירעקיוז געביידע איז געמאכט געווארן דורך לאקאלע ארכיטעקט גאסטאוועס א. יונג, וועלכע האט געמאכט כאטש נאך איין געשעפט פאר נאציאנאלע קאסקעט, די וואס געפונט זיך אין אלבאני, וועלכע איז כמעט אייניג צו די סירעקיוז געביידע.

__פינגער לעיקס__

**אוקפיעלד הויך שולע, דזשענעסי קאונטי** - פלאצירט ביי א וויכטיגע קרייצוועג אין די ווילעדזש פון אוקפיעלד, האט אוקפיעלד הויך שולע עדיוקירט די לאקאלע שולע קינדער אלס די הויך שולע פון 1927 ביז 1956 און דאן אלס אן עלעמענטרי שולע ביז 1971. געמאכט דורך קארל עיד, א ראטשעסטער ארכיטעקט וואס איז ספעציעל באהאוונט אין שולע ארכיטעקטור, טרעט די שולע געביידע פאר עדיוקעישענעל דעזיין סטאנדארטן פון די 1920'ס, אזויווי מערערע-צוועקן קלאסצימערן, בעסערע לעקטער און לופט, און דאס באנוץ פון פייער-פרוף מאטריאלן. א וויכטיגע טייל פון עיד'ס דעזיין איז געווען די אודיטאריום, וועלכע איז גענוצט געווארן דורך קאמיוניטי מיטגלידער ווען די שולע האט עס נישט

גענוצט. די געביידע דינט ווייטער די לאקאלע קאמיוניטי אלס די שולע הויז מאנאר אפארטמענטס, וועלכע איז איבערגעטוישט געווארן אין 1981, אבער עס פארמאגט נאך די אריגינעלע אויסשטעל און אסאך פון די היסטארישע באשטאטנדטיילן.

**<u>מיטל-הודסאן</u>**

**בלעק וואלנאט איילענד 2, ארענדזש קאונטי** - די בלעק וואלנאט איילענד 2 ארט באשטייט פון אומגעפער 7 עיקער פון הויכע ערד אין די זומפיגע ראיאן באקאנט אלס די "בלעק דירט (שווארצע שמוץ)" אדער "דראונד לענדס (דערטראנקענע לענדער)" פון די וואלקיל ריווער וואלי - א געגנט היסטאריש רייך מיט נאטורליכע ריסאורסן, אריינגערעכנט פארשידענע סארטן פיש און מיגראטארישע פייגלעך. די בלעק וואלנאט איילענד 2 ארט האט צוגעשטעלט א גאר גוטע וואוינונגס ארט פאר אריגינעלע גרופעס וואס האבן גענאסן פון די ארומיגע נאטורליכע ווערדן און בלייבט א גוט-אנגעהאלטענע ארכיאלאגישע פלאץ וואס שטעלט פאר איבער 4,000 יאר פון מענטשן באוואוינונג. באגרעניצטע גראבונגען האבן אנטדעקט פארשידענע ארכיאלאגישע צוגאבעס און ארטקילען פון מערערע אריגינעלע באנוץ פון די פלאץ. פאטערי, הערטס, שיסעריי פוקנטן, שטיינענע געצייג, און אנדערע ארטיקלען זענען געפונען געווארן ארום די ארט וואס טרעט פאר פארשידענע צייטן אין היסטאריע: די ענדע ארכעישע צייט (3000 BCE–1500 BCE), די מיטל וואדלענד צייט (200 BCE–800 AD) און די ענדע וואדלענד צייט (800 AD–1600 AD). היינט איז די בלעק וואלנאט איילענד 2 ארט געמישטע וועלדער און פעלדער ארומגענומען מיט נידריגע פלאנצונגען און זומפן. די ארט פארמאגט א הויכע מעגליכקייט פאר נאך ארכיאלאגישע פארשונג.

**<u>מאוהאק וואלי</u>**

**דאלדזשעוויל אוניווערסאליסט קירכע, הערקימאר קאונטי** - פלאצירט אין די ווילעדזש פון דאלדזשעוויל, איז די דאלדזשעוויל אוניווערסאליסט קירכע געבויעט געווארן אין 1895. געמאכט דורך פרעדעריק ה. גאודזש, א באקאנט ארכיטעקט אין יוטיקע, צייגט די קירכע עלעמענטן פון די טודאר רעוויוועל סטייל (וואס האט אנגעהויבן ווערן באקאנט אין אמעריקע אין יענע צייט) ווי אויך עלעמענטן פון די ברייט באנוצטע קווין ענן סטייל. די קירכע איז א ביישפיל פון די פארשפרייטנדע אנגענומענקייט אין יענע צייט פאר איינפאכע עקלעסיאסטיקעל סטייל און די אפקער פון די הויכע וויקאטאריען קאטיק רעוויוועל און ראמאנעסקווע קירכע סטיילס.

**<u>ניו יארק סיטי</u>**

**אודובאן פארק היסטארישע דיסטריקט, ניו יארק קאונטי** - די אודובאן פארק היסטארישע דיסטריקט, וואס געפונט זיך אין מענהאטען, איז געווען די פלאץ פון דארפישע פארוויילונגס פלאץ פאר די פאמיליע פון דזשאן דזשעימס אודובאן. די געגנט איז שפעטער אריבער שטארקע לאנד אונטערזוכונגען געטריבן דורך דאס עפענונג פון עטליכע טראנספארטאציע וועגן צווישן 1872 און 1926, אריינגערעכנט איסברייטערן בראודוועי ביז וועסט 155'סטע סטריט, די באולעווארד לאפאיעט, א נייע באן סטאנציע, און ריווערסייד דרייוו, אינאיינעם מיט איר שפעטער איסברייטערונג. די פראיעקטן האבן צוגעברענגט צו א כוואליע פון אנטוויקלונג, מיט פרימעס שנעל אויפשטעלנדיג נייע אפארטמענט געביידעס. די אומבאקאנטע פארעם פון די דיסטריקט'ס גאסן האבן פארגעשטעלט א שוועריקייט פאר ארכיטעקטן און בויערס, וועלכע האבן צוגעברענגט צו אויפקומען מיט די פארגעשריטענע געביידע פלענער און פארעמעס. דאס עפענונג פון די אודובאן טעראס (1904-1932), א זאמלונג פון אינסטיטוציעס איבערגעגעבן צו די שטודיע פון ספאנישע און פארטוגעזישע היסטאריע און קולטור, האט באשטימט די טאן וואס מען זעט אין די געגנט. די ניא-רענאסאנס רעוויוועל סטייל קאמפלעקס האט ערלויבט פאר ארכיטעקטן צו אויסנוצן צאל רעוויוואליסט סטיילס פאר זייער דערנעבנדע אפארטמענט געביידעס, וועלכע לויפן פון איטאליעניש און פראנצויזישע רענאסאנס ביז גאטיק און אמעריקאנער קאלאניעל.

**באסטאן ראוד פלאזא, בראנקס קאונטי** - באסטאן ראוד פלאזא איז געבויעט געווארן אין 1970-72 אין די אלערטאן געגנט פון די בראנקס. עס איז געמאכט געווארן דורך די באקאנטע מאדערנע ארכיטעקט

נארמען דארף פון דאוויס בראודי און אסאסיעטס, מיט א לאנדשאפט געמאכט דורך פאול פריעדבערג אסאסיעטס. די ציענדע דעזיין איז געווען א פרואוו צו צייגן אז ציענדע ארכיטעקטור איז געווען מעגליך אפילו אין די באגרעניצטע בודזשעטס פון פובליק האוזינג. די צוואנציג-שטאקיגע ברוטאליסט-סטייל טורעם פארמאגט שטארקע קאנטילעווערס וועלכע ערלויבן די ארכיטעקטן צו אנדערש אויסשטעלן די אינערווייניג פון די 236 דירות. א דערנעבנדע איין-שטאקיגע קאמיוניטי צענטער איז אייגנארטיג מיט א דראמאטישע ציינערנע דאך און ריזיגע פענסטערס וועלכע געבן אריין אסאך ליכטיגקייט צו די פלעצער דערין. דעוועלאפמענטס אזוויי באסטאן ראוד פלאזא זענען געווען די רעזולטאט פון נאכאנאנדע רונדעס פון נאציאנאלע געזעצן וועלכע האבן אויסגעברייטערט די מעגליכקייט פון עלטערע מענטשן צו זיין בארעכטיגט פאר פובליק האוזינג און האט געהויבן די געלטער צוגעשטעלט אויפצובויען האוזינג פאר עלטערע מענטשן. זיי זענען אויך א ביישפיל פון די ניו יארק האוזינג אויטאריטעט'ס ( New York Housing Authority, NYCHA) "צושפרייטע-ערטער" פובליק האוזינג פראגראם, וועלכע איז באשטאנען פון קלענערע פראיעקטן אין אוועקגעשטעלטע מיטל-איינקונפט קאמיוניטיס וואו זיי קענען אזוי-גערופן "שטארקן עקאנאמישע און עטנישע איינגלידערונג און סטאבילע פעסטע קאמיוניטיס."

**באסטאן-סיקאר האוסעס, בראנקס קאונטי** - באסטאן-סיקאר האוסעס געפונט זיך אין די איסטשעסטער געגנט, אויף די צפון-מזרח עק פון די בראנקס, און באשטייט פון פיר הויכע טורעמעס, א מעינטענענץ געביידע, און א געלאנדשאפטע ארט. די ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (NYCHA) קאמפלעקס איז געבויעט געווארן אין 1967-69 און געמאכט געווארן דורך די ארכיטעקטוראלע פירמע אמעס אסאסיעטס, מיט א לאנדשאפט אויסשטעל דורך ליאו א. נאוויק. אריגינעל פלאנירט אין 1950 אלס נידריגע-פארנעם גארטן סטייל דירות, אין די כאראקטער פון די קאמיוניטי, איז די פראיעקט געווען קעגנגעשטעלט דורך לאקאלע גרופעס וועלכע זענען געווען קעגן ראסישע איינשליסיגקייט, דערנאך אפגעשטעלט צוליב הייבנדע קאסטן. אן איבערגעמאכטע אויסשטעל, וועלכע איז באשטאנען פון הויכע טורעמעס, זענען ווידער געווארן קעגנגשטעלט-דאס מאל דורך כמעט אלע גרופעס: די וועלכע האבן בכלל נישט געוואלט פובליק האוזינג, די וועלכע האבן נישט געוואלט שווארצע און אימיגראנטן אינעם געגנט, און די וועלכע זענען געווען קעגן די "טורעם אין די פארק" דעזיין. ביז ווען די אנטוויקלונג פון די טורעמעס זענען פארענדיגט געווארן אין 1969, איז ווייט פלייט געווען אין פולן קראפט, און סיי די געגנט און אפילו די וויליאמסברידזש טייל פון די NAACP האבן זיך קעגנגעשטעלט צו די פראיעקט, דער צווייטער גלויבנדיג אז איר נאנטשאפט מיט אנדערע הייבנדע באזייטיגטע דעוועלאפמענטס וועט פירן צו בלאקבאסטינג. די באסטאן-סיקאר האוסעס צייגט באדייטפולע טעמעס אין די היסטאריע פון פובליק האוזינג, אריינגערעכנט די אפעקטן פון ראסיזם, דעזיין, און סיטי פלאנירונג באמיאונגען.

**בוש טערמינעל היסטארישע דיסטריקט, קינגס קאונטי (בלויז סטעיט רעגיסטראר)** - בוש טערמינעל אין ברוקלין איז געווען א דורכברוכיגע אינדוסטריאלע קאמפלעקס וואס האט אריינגעלייגט באן און וואסער טראנספארטאציע מיט אינדוסטריאלע ווערהאוזינג און פאבריצירונג. עס איז געווען די ערשטע איינגעגלידערטע אינדוסטריאלע קאמפלעקס צו צוזאמברענגען די אלע עלעמענטן אונטער איין אייגנטומער, און עס איז געווארן די גרעסטע מערערע-איינוואוינער אינדוסטריאלע פראפערטי אין די פאראייניגטע שטאטן. איר ערפאלג האט אויך געהאט א שטארקע אפעקט אויף וויאזוי צוקונפטיגע אינדוסטריאלע קאמפלעקסן זענען געמאכט געווארן. אויפבוי פון די טערמינעל האט זיך אנגעהויבן אויף די ברוקלין וואסערפראנט אין 1895, מיט צווי גרויסע אויסברייטערונגען אין 1902 און 1905. די ארכיטעקטור פון בוש טערמינעל שפיגלט אפ די שנעלע טויש אין סטייל און אויפבוי מיטלען פון אינדוסטריאלע געביידעס ארום 1900. די ערשטע געביידעס זענען געווען געמאכט פון טראדיציאנאלע אינדוסטריאלע ארכיטעקטוראלע דעזיין: אינערווייניג פון מיל אויפבוי אייגנארטיג דורך ריזיגע האלצענע זיילן און שטעקנעס וועלכע האבן געברענט זיין שטייט אין פאל פון פייער; אינדרויסן געמאכט וואס איז שפעטער באקאנט געווארן אלס די אמעריקאנער רונדוכיגע-טויער סטייל, כאראקטעאזירט דורך פלאכע ציגלנע ווענט איבערגעהאקט דורך א רעגלמעסיגע גאנג פון אפגעטיילטע אדער רונדיכיגע פענסטער עפענונגען. ארום 1905, האט די ארכיטעקטור פון בוש טערמינעל געמאכט א שנעלע איבערגאנג אין

ריכטונג פון דאס באנוץ פון באפעסטיגטע צעמענט ראמען, וועלכע האט דערנאך ערלויבט פאר מאדערנע דרויסנדיגע דעזיינס, ספעציעל די אבסטראקטעד אינדוסטריעל ניאקלאסיסיזם. די באפעסטיגטע צעמענט געביידעס ביי בוש טערמינעל זענען געווען די רעזולטאט פון א פארגעשריטענע דעזיין גרופע אנגעפירט דורך ארכיטעקט וויליאם היגינסאן און די טורנער קאנסטראקשין פירמע. די היסטארישע דיסטריקט איז אויך צוגעלייגט געווארן צו די ניו יארק סטעיט רעגיסטראר פון היסטארישע ערטער. אבער, וויבאלד א מערהייט פון פראפערטי אייגנטומער אין די דיסטריקט האבן זיך קעגנגעשטעלט צו די דעזיגנירונג, איז עס נישט ווייטער געגאנגען צו די נאציאנאלע פארק סערוויס פאר'ן ציל פון עס אויסרעכענען אין די נאציאנאלע רעגיסטאר פון היסטארישע ערטער.

**גרינוויטש ווילעדזש היסטארישע דיסטריקט (נאך דאקומענטן), ניו יארק קאונטי** - די גרינוויטש ווילעדזש היסטארישע דיסטריקט איז אויסגערעכנט געווארן אויף די נאציאנאלע רעגיסטראר פון היסטארישע ערטער אין 1979 אין די געגנטער פון ארכיטעקטור, ארט, און ליטעראטור ביי די נאציאנאלע שטאפל פון באדייטקייט. די נאמינירונג איז געקומען דירעקט פון די ניו יארק סיטי לאנדמארקס אפהיטונג קאמיסיע דעזיגנאציע באריכט, וועלכע איז צוגעגרייט געווארן אין 1969, די זעלבע יאר ווי די סטאונוואל ווידערשפעניגונג. כאטש וואס די באריכט האט אנגעהויבן מיט דאקומענטירן די קולטוראלע היסטאריע פון די דיסטריקט, איז געשפרעכן פון LGBTQ+ פלאץ-באזירטע היסטאריע געווען נאך עטליכע אין דרייסיג יאר אוועק- נישט אנערקענט אין די נאציאנאלע רעגיסטראר פון היסטארישע ערטער ביז 1999 ווען די סטאונוואל אין איז געווארן די ערשטע פלאץ צו ווערן אויסגערעכנט אויף די נאציאנאלע רעגיסטראר פאר LGBTQ+ באדייטקייט. די צוגעקומענע דאקומענטן לייגן צו באדייטקייט צו די גרינוויטש ווילעדזש היסטארישע דיסטריקט אין די געגנט פון סאושעל היסטאריע: LGBTQ+, אנערקענענדיג דעם דיסטריקט אלס איינע פון די ערשטע געגנטער אין ניו יארק סיטי וואס האט אריינגעלאזט און צוביסלעך אנגענומען אן אפענע געי און לעסביען אנוועזנהט, וועלכע האבן געפירט צו איר איינטריט צו א פריע, נאציאנאלע באדייטפולע, און ברייט אנערקענטע LGBT+ שיצפלאץ. עס דאקומענטירט אויך די מערערע געי-פארבינדענע ביזנעסער און פלעצער וואס האבן כאראקטאזירט די ווילעדזש אלס א פארזיכערטע און באקוועמע פלאץ פאר LGBTQ+ מענטשן, אנערקענט די הונדערטער באקאנטע LGBTQ+ מענטשן וועלכע האבן געוואוינט אדער געארבעט אין די ווילעדזש און געפונען באריטמקייט אין פארשידענע טייל פון קונסטווערק, פרויען היסטאריע, סאושעל היסטאריע, LGBTQ+ ציווילע רעכטן און אנדערע ערטער, און אנערקענט די טראגישע אפעקט פון די AIDS עפידעמיע אויף די ווילעדזש'ס באדייטפולע געי באפעלקערונג. פינאנצירט דורך אן אונטער-פארטרעטענע קאמיוניטיס גרענט פון די נאציאנאלע פארק סערוויס, האט די אנקעטע און נאמינירונג פראיעקט אויך אידענטיפיצירט 283 ספעציעלע ריסאורסן אין די עקזיסטירנדע דיסטריקט וואס האט דאקומענטירט פארבינדונגען מיט LGBTQ+ היסטאריע. די צייט פון באדייטקייט פאר LGBTQ+-פארבינדערע טעמעס איז פארלענגערט געווארן ביז 1996 צו אנערקענען די אויסערגעוועגליכע באדייטקייט פון די AIDS צייט.

**מידלטאון פלאזא, בראנקס קאונטי** - מידלטאון פלאזא איז געבויעט געווארן אין 1970-73 אין די פעלהאם בעי געגנט. איר געוואלדיגע ברוטאליסט דעזיין איז אויסגעפירט געווארן דורך די באקאנטע מאדערנע ארכיטעקט פאול רודאלף און איר לאנדשאפט וואס גייט מיט דעם איז געמאכט געווארן דורך דזשארדזש עף. קושיין. די פראיעקט פארמאגט אן איינציגע פופצן-שטאקיגע טורעם מיט 177 דירות און א דערנעבנדע איין-שטאקיגע קאמיוניטי צענטער, אלעס געבויעט מיט א פעסטע פערמענאנטע בעיטאן ברוט צעמענט ראם און צוטיילטע ליניעס צעמענט-בלאק צודעק. רודאלף'ס דעזיין איז געווען באזירט אויף זיין גלויבונג אז אפילו אין א קליינע דירה "זאלן ערטער פון אנדערע אקטיוויטעט זיין קלארגעשטעלט, אפגעטיילט," אינאיינעם מיט די וואונטש צו האבן וויפיל פענסטערס נאר מעגליך, וועלכע געפירט אז ער זאל אויסשטעלן א דעזיין מיט א גוט-אויסגעקלארטע דרויסנדיגע וואנט פון פענסטערס און אן אומגעוועגליכע אינערוויניגע פלאן. מידלטאון פלאזא איז צווישן די מערסטע פארגעשריטענע אין ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט'ס (NYCHA) פובליק האוזינג קאטאלאג. דעוועלאפמענטס אזויווי מידלטאון פלאזא זענען געווען די רעזולטאט פון נאכאנאנדע רונדעס פון נאציאנאלע געזעצן וועלכע האבן

אויסגעברייטערט די מעגליכקייט פון עלטערע מענטשן צו זיין בארעכטיגט פאר פובליק האוזינג און האט געהויבן די געלטער צוגעשטעלט אויפצובויען האוזינג פאר עלטערע מענטשן. זיי זענען אויך אביישפיל פון NYCHA "צושפרייטע-ערטער" פובליק האוזינג פראגראם, וועלכע איז באשטאנען פון קלענערע פראיעקטן אין אוועקגעשטעלטע מיטל-איינקונפט קאמיוניטיס וואו זיי קענען אזוי-גערופן "שטארקן עקאנאמישע און עטנישע איינגלידערונג און סטאבילע פעסטע קאמיוניטיס."

**<u>צפון קאנטרי</u>**

**העיל סעמעטערי, סט. לאורענץ קאונטי** - טייל פון די ערשטע ניו ענגלענד איינוואוינער אינעם ראיאן האבן אוועקגעשטעלט די באגרעבעניש ערד אין נארפאלק אין די 1820'ס, און איר ווייטערדיגע באנוץ פאר איבער 200 יאר מאכט עס אן ארכיאלאגישע ביישפיל פון א דארפישע היים געגנט סעמעטערי אין צפון ניו יארק. עס איז ספעציעל מערקבאר צוליב איר הערליכע שטיינערנע וואנט און טויער און אנטוויקלונג פון לוי' קונסטווערק פון די פריע 1800'ס ביז היינט.

**בערקעלי סקווער היסטארישע דיסטריקט (גרעניץ העכערונג און נאך דאקומענטן), פרענקלין קאונטי** - אין 1988, האט די אריגינעלע בערקעלי סקווער היסטארישע דיסטריקט נאמינירונג אנגעהויבן די ארבעט פון דאקומענטירן טייל פון די ווילעדלזש פון סאראנאק לעיקס קאמערשעל געביידעס וועלכע גייען צוריק פון 1867 ביז 1932. מיט די איבערגאנג פון עטליכע צענדליגע יארן און נאך פארשונג, איז ארויסגעקומען א ברייטערע בילד און געבערענגט צו א גרעניץ העכערונג און נאך דאקומענטן. די נייע גרעניץ נעמט אריין אכט און צוואנציג צוגעקומענע ריסאורסן וועלכע שילדערן בעסער סאראנאק לעיקס וויכטיגע ראלע אלס א צענטער פאר טובערקולאסיס פארשונג און באהאנדלונג און ברייטער אויס די צייט פון באדייטקייט צו ביז 1954.

**<u>מערב ניו יארק</u>**

**אוסטין סטריט פאליציי אטלעטישע ליגע (Police Athletic League, PAL) צענטער, עריע קאונטי** - אין אנהויב אויפגעבויעט אלס א פייערהויז אין 1894, איז די געביידע באדייטפול פאר איר פונקציע אלס די ערשטע פאליציי אטלעטישע ליגע (PAL) צענטער אין די סיטי פון באפעלאו. צווישן 1955 און 1993, האט די אוסטין סטריט PAL צענטער צוגעשטעלט פאר באפעלאו יוגנטליכע א פארוויילונגס, עדיוקעישענאל, קולטוראלע, ענווייראמענטאלע, און דזשוועניל דעלינקוועננסי פארמיידונג פראגראם אין פעסטע אומגעגנט אונטער אויפזיכט. אין די 1950'ס און 1960'ס, האט די PAL אנגעפירט עטליכע קאמיוניטי צענטערן ארום די סיטי. די אוסטין סטריט PAL צענטער האט צוגעשטעלט פארשידענע פראגראמען און ערטער פאר סיטי יוגנטליכע, אריינגערעכנט שפיל צימערן, ארטס און קרעפטס קלאסן, קאכן קלאסן, פארשידענע פלאץ צו פארברענגען, און באקסינג פראגראם אייגנארטיג צו די אוסטין סטריט ארט. די אוסטין סטריט PAL צענטער האט געדינט אלס א געזעלשאפט גרונדער פאר די געגנט, אראפברענגענדיג פארברעכן דורך יוגנטליכע און הייבן קאמיוניטי פארבינדונגען צווישן 'בלעק ראק' געגנט יוגנטליכע.

**קאמערשעל רייע אויף בראודוועי און מישיגען אוועניו, עריע קאונטי** - ערשטע אויפגעבויעט אלס באזונדערע געביידעס, איז די קאמערשעל רייע אויף בראודוועי און מישיגען אוועניו אינעם הארץ פון באפעלאו'ס אפריקאנער אמעריקאנער הערעטעדזש קארידאר, און איז באדייטפול אלס א זאמלונג פון ריסאורסן וועלכע שפאנען דאס אנטוויקלונג פון בראודוועי פון א זייטיגע באוואוינטע געגנט אין די 1840'ס ביז א בליענדע קאמערשעל קארידאר ביז די 1890'ס. ערשט, איז דאס לאנד אנטוויקלט געווארן אלס די וואוינונג און וואגן הויז פון דר. פרעדעריק דעלענבאוג ארום 1840. ביז די 1880'ס, האט דר. דעלענבאוג אויפגעבויעט א גרויסע קאמערשעל איטאליענע-סטייל געביידע ביי די עק פון זיין פראפערטי, אפשפיגלנדיג די געגנט'ס פארמערטע דעוועלאפמענט צוליב, אין טייל, די פערד-געטריבענע סטריטקאר ליניע וואס איז אראפגעפארן בראודוועי אנגעהויבן אין 1885. די פראפערטי איז געבליבן אין די פאמיליע נאך זיין טויט אין 1891, און א געשעפט איז צוגעלייגט געווארן צו די הויז אין 1899, ווייטער

אפשפיגלנדיג די טוישנדע געגנט. אין 1922, איז א קאר גאראדזש געבויעט געווארן, גענצליך אנפולנדיג די רעשטע פון די געוועזענע דעלענבאוג שטיקל לאנד. נאך א צייט פון נאכלעסיגקייט און טיילווייזע צוזאמפאל, זענען די געביידעס איבערגעבויעט געווארן אין אנהויב פון 2020 צו ווערן גענוצט אלס קאמערשעל ערטער און דירות, אריינגערעכנט האלטן די NAACP באפעלאו קאפיטל אפיסעס.

**ניעס בלאק, קאטאראוגוס גאונטי** - די ניעס בלאק איז א געוואלדיגעביישפיל פון א גרויסע קאמערשעל איטאליענע-סטייל געמישטע-באנוץ געביידע וואס געפונט זיך אין די סיטי פון סאלאמאנקא. אויפגעבויעט אין 1891, איז די געביידע געווען געאייגנט דורך טשארלס ניעס, א באקאנטע אפטייקער און ביזנעס פירער אין די קאמיוניטי. עס האט פארמאגט ניעס'ס אפטייק און סאלאן, פלאס נאך קאמערשעל און געשעפט אפעראציעס, האט געהאט דירות און הייזער אויף די אויבערשטע שטאקן. די געביידע איז א מערקבארע לאקאלע לענדמארק צוליב איר קלארע קרוינען און אויסגעשלייפענע עקן מיט א באצירטע רונדיכיגע טייל וואו עס שטייט "Chaz. Nies." היסטאריש, איז די געביידע געווען די פלאץ פון וויכטיגע געשפרעכן צווישן די סאלאמאנקא בירגער'ס קאמיטע (אריינגערעכנט טשארלס ניעס און אנדערע סאלאמאנקא ביזנעסלייט) און די סענעקא פאלק פון אינדיאנער קאונסעל אין 1892. די זיצונג האט באגרעניצט סענעקא קאנטראל איבער נישט-נאטיווע אנטוויקלונג אינעם געגנט דורך בייזוויליגע פארדרייאונג מיטלען דורך די קאמיטע און געפירט צו מער בוי-ארבעט אין די סיטי.

**סעיקערד האורט רוימישע קאטוילישע קירכע און קלויסטער, עריע קאונטי** - פלאצירט אין באפעלאו'ס עמסלי געגנט, זענען סעיקערד האורט רוימישע קאטוילישע קירכע און קלויסטער מערקווירדיגע ביישפילן פון צווי ספעציפישע געביידע סארטן. געבויעט אין 1914 צו די דעזיינס פונעם באקאנטע לאקאלע ארכיטעקט קארל שמיל, איז די סעיקערד האורט קירכע א ביישפיל פון א ענדע גאטיק רעווייוועל סטייל און האט געביידע טראסעס וועלכע ערלויבן פאר א ברייטע נעיוו אן דאס באנוץ פון זייטיגע וועגן; דאס איז אן אומבאקאנטע דעזיין פאר רוימישע קאטוילישע קירכעס אינעם געגנט. די סעיקערד האורט קלויסטער שפיגלט אפ געווענליכע צוגאבעס פון שטאטישע קלויסטערן, וואס גייט צוריק צו די ארבעט פון א.וו.נ. פוגין, אריינגערעכנט פארלארס און פובליק ערטער אויפ'ן ערשטע שטאק און קלענערע, פריוואטע קאמערן אויפ'ן אויבערשטע שטאק. פארמאכט אין 1973, איז קירכע קאמפלעקס פארלאזט זייט 2008, ווען עס איז באטראפן געווארן דורך שווערע שטורעם שאדן, פירנדיג צו די צוזאמווארף פון די פארבינדענע שולע און רעקטארי. לאקאלע שטיצע באמיאונגען צו ראטעווען און באנייען די פארבליבענע סעיקערד האורד געביידעס האבן געטריבן א קאמערשעל שטייער קרעדיט אויפרעכטונג פראיעקט.

**ווימבלדאן ראוד היסטארישע דיסטריקט, מאנראו קאונטי** - די דיסטרקט אין די טאון פון אייראנדעקוואוט באשטייט פון דרייסיג הייזער און איין אינדיווידועל אויסגערעכנט הויז וועלכע זענען געמאכט און פארקויפט געווארן דורך פרעד פ. טאש. די דיסטריקט טרעט פאר וואוינונגס דעוועלאפמענט און די נויטיגקייט פאר ביליגערע האוזינג אין די ראטשעסטער געגנט אין די פריע 1900'ס וואס קומען פון א העכערונג אין ארבעטערס און פארוואלטער אין לאקאלע אינדוסטריס. די דיסטריקט איז אויך באדייטפול צוליב איר באגנוץ פון טודאר, קאלאניעל, און דאטש קאלאניעל ארכיטעקטור מיט אלע הייזער מיטטיילנדיג ענליכע פוס-אפדרוקן אבער אביסל אנדערש ווען עס קומט צו די דרויסנדיגע טייל אזוי אז צווי דערנעבנדע הייזער זענען נישט אויס די זעלבע. טאש האט אויך גענוצט א מעסטער מאדעל הויז וואס איז אויך פינאנצירט געווארן דורך די *Democrat* און *Chronicle* צייטונג צו צייגן די לעצטע נייעס אין טעכנאלאגיע און פארבעסערונגען וואס א אינטערעסירטע קויפער קען ערווארטן פון א טאש-געבויעטע הויז אויף ווימבלדאן ראוד.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 84 מיליאן באזוכן אין 2023. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונגס ערטער, באזוכט parks.ny.gov, דאונלאוד'ט די

אומזיסטע NY State Parks Explorer עפּ אדער רופט 518.474.0456: קומט אנטייל נעמען אין פייערן אונזער הונדערט-יאר פייערונג דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, X (געוועזענע Twitter), און די OPRHP Blog.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן